בס"ד

פר' בה"ב
שנה ב'




כל הזכיות שמורות

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

# המות והחיים ביד הלשון

## חלק א' - ווי טון מיט רייד

### צוויי סארט טשעפן

אין פרשת בהר ווארנט די תורה אידישע קינדער קעגן האנדלען נישט ערליך איינער מיט'ן צווייטן אין געלט ענינים: וְכִי תִמְכְּרוּ מִמְכָּר לַעֲמִיתֶךָ אוֹ קָנֹה מִיַּד עֲמִיתֶךָ - ווען דו האנדלסט מיט דיין חבר; ווען דו קויפסט אדער פארקויפסט פאר אים, אַל תּוֹנוּ אִישׁ אֶת אָחִיו - זאלסטו אים נישט אפנארן (בהר כה:יד). דאס איז א יסוד אין פיל הלכות פון די תורה, וואס די גמרא (בבא מציעא נח:) רופט אן אונאת ממון, די עבירה פון גורם זיין ווייטאג פאר א איד אין געלט ענינים.

אבער שפעטער, אין פסוק יז, ווען די תורה ענדיגט רעדן פון די נושא, ווערן מיר געווארנט נאכאמאל אויף דעם זעלבן ענין: וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ - און דו זאלסט נישט טשעפן דיין חבר. וואונדערט זיך די גמרא (שם) - פארוואס ווערט דאס איבערגע'חזר'ט? וואס קומט אונז דער צווייטער פסוק לערנען?

די תשובה וואס די גמרא ענטפערט, פירט אונז אריין צו אינגאנצן א נייער באפעל פון די תורה: מה אני מקיים - ווי אזוי ערקלערן מיר דעם צווייטן פסוק? לא תונו איש את עמיתו באונאת דברים - דער פסוק רעדט וועגן ווייטאג א מענטש מיט ווערטער. כאטש עס זעט אויס ווי דער זעלבער ווארענונג חזר'ט זיך איבער אבער עס איז נישט קיין דאפלטער באפעל. דער צווייטער פסוק רעדט נישט פון אפנארן א איד'ס געלט, נאר פון טרעטן אויף זיינע געפילן - דאס איז א באזונדערער לאו קעגן רעדן ווערטער וואס טשעפן א מענטש'ס געפילן.

### צוויי געשעפט אייגנטימער

נאכמער, די גמרא זאגט אונז דא א גרויסער חידוש; נישט נאר אז דאס איז א באזונדערער לאו פון טשעפן מיט ווערטער, נאר עס איז נאך ערגער ווי אים אויסנארן מיט געלט. דאס איז וואס חז"ל זאגן: גדול אונאת דברים מאונאת ממון - ס'איז ערגער צו טשעפן א מענטש'ס געפילן ווי צו גנב'נען זיין געלט (שם.). ווייטאגליכע רייד זענען ערגער ווי צונעמען זיין געלט!

איך געב אלעמאל דעם זעלבן משל. לאמיר נעמען צוויי געשעפט אייגנטימער אויף דעם זעלבן גאס. איינער פון זיי, ווען דו גייסט דארט אריין, דארפסטו גוט האלטן אן אויג אויף אים ווייל ווען ער וועגט אפ די פראדוקטן אויפ'ן וואג, שטופט ער עס אפאר מאל אראפ מיט זיין האנט. ער וויל צולייגן אביסל מער וואג צו די באנאנע וואס דו קויפסט, אזוי קען ער דיר בעטן מער געלט. דו דארפסט אים זאגן, "אנטשולדיגט, ביטע

נעם אראפ דיין האנט פונעם וואג." אויך, ביי אים דארפסטו אלעמאל איבערציילן די רעשטע. דאגעגן, ער איז א העפליכער מענטש; ער פירט זיך אלעמאל גוט צו דיר און זאגט נישט קיין געמיינע ווערטער. דו דארפסט האלטן אן אויג ווען ער באהאנדלט דיינע באנאנעס און דיין געלט, אבער דו דארפסט זיך נישט היטן פון א שארפער צונג.

קעגן איבער די גאס איז דא נאך א גראסערי. יענער געשעפטסמאן איז הונדערט פראצענט באגלייבט. עס וואלט אים אפילו נישט איינגעפאלן דיר צו אויסנארן אפילו מיט א ניקעל. אויב וועסטו בטעות איבערלאזן א פרוטה פון דיין רעשטע אויפ'ן טישל וועט ער עס אוועקלייגן אין זייט פאר דיר; ער וועט עס האלטן און דיר צוריקגעבן ביים קומענדיגן מאל וואס דו קומסט אריין. אבער פון צווייטן זייט, איז ער זייער א בייזער. אויב דו זאגסט אן איבריגעווארט, דו פרעגסט אים וואו ס'ליגט די טונא פיש, ענטפערט ער דיר מיט א שארפע ווארט: "קוק רעכטס פאר דיר אויף די פאליצע! דו קענסט נישט זען?!" ער וועט קיינמאל נישט גנב'ענען פון דיר אפילו א פרוטה אבער ער וועט דיר ווי טון מיט זיין לייכטזיניגער צונג.

## ווער איז בעסער?

איז די שאלה, ווער פון זיי איז בעסער? אודאי, קיין איינע פון די סארט אויפפירונג איז נישט אויסגעהאלטן און יעדער מענטש דארף שטרעבן אויף שלימות אין אלע ענינים פון עבודת ה'. אבער כדי צו פארשטיין אונזער נושא דארפן מיר ענטפערן די שאלה: ווער איז בעסער; דער אנגענעמער שווינדלער אויף איין זייט גאס אדער דער בייזער באגלייבטער אויפ'ן צווייטן זייט גאס?

לערנט אונז די גמרא: גדול אונאת דברים מאונאת ממון - דער זינד פון ווי טון מיט ווערטער איז ערגער ווי דער זינד פון באשווינדלען א מענטש מיט זיין געלט. דער שווינדלער, ער שטייט בעסער - ער נארט דיר אויס דיין געלט, אבער ער טשעפעט נישט דיינע געפילן. דאגעגן דער צווייטער איז טאקע באגלייבט, אבער ער טוט ווייי מיט ווערטער.

## שטארקע מורא

גדול אונאת דברים - ווייטאגליכע ווערטער זענען ערגער ווי גניבה. און די גמרא (שם.) ערקלערט דריי טעמים פארוואס; ערשטנס: רבי שמעון בר יוחאי ברענגט ארויס אז אין דעם ערשטן פסוק, וואו עס רעדט פון גנב'ענען אדער אויסנארן מיט געלט, שטייט גארנישט איבער יראת אלקים. אודאי ווייסן מיר אז מען דארף מורא האבן פון באשעפער - יעדער ווייסט ווי הארב עס איז צו גנב'ענען - אבער דאך ווערט דארט נישט דערמאנט וועגן מורא האבן פון באשעפער.

אבער אין צווייטן פסוק, ווען מיר ווערן געווארנט קעגן ווי טון א איד מיט ווערטער, גייט די תורה ארויס פון איר וועג צו צולייגן די ווערטער וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ - דו זאלסט מורא האבן פון באשעפער. דאס מיינט, שטארק דערשראקן! א שווינדלער דארף אויך זיין דערשראקן, אבער פאר דעם מענטש וואס טשעפעט געפילן זאגט די תורה: "האב מורא פון די תוצאות!"

אויב דו זאגסט חלילה עפעס וואס טוט איינעם וויי, דארפסטו שטארק מורא האבן פון באשעפער! דו דארפסט ציטערן, 'וואס גייט ארויסקומען דערפון?' נישטא קיין ספק אין דעם, דער באשעפער באשטראפט דעם וואס טוט וויי א צווייטנ'ס געפילן.

## א שטאך פון א שווערד

רבי אלעזר לייגט צו נאך א טעם פארוואס אונאת דברים איז ערגער ווי גנב'נען געלט. זה בגופו וזה בממונו - ווען דו טוסט ווי מיט געלט איז עס נאר זיין געלט, עס איז א דרויסנדיגע זאך פון אים, אבער ווען דו טוסט וויי זיינע געפילן, טוסטו אים אליין וויי. ווערטער טוען ווי קערפערליך. דו טוסט אים פערזענליך וויי - זיינע

נערוון, זיין הארץ, זיין מח ווערט פארוויטאגט. עס איז עכט ווייטאגליך. יֵשׁ בּוֹטֶה כְּמַדְקְרוֹת חָרֶב - אמאל זענען ווערטער וואס קומען ארויס פון דיין מויל אזוי ווי א שטאך פון א שווערד (משלי יב:יח).

און רבי שמואל בר נחמני לייגט צו נאך א טעם: זה ניתן להישבון וזה לא ניתן להישבון - געלט קען מען אלעמאל אומקערן אבער פארוויטאגטע געפילן קען מען נישט אומקערן.

געלט קען מען אלעמאל צוריקצאלן. דו קענסט תשובה טון. דו האסט עס אוועקגענומען, דו געבסט עס צוריק. אויב א מענטש האט גע'גנב'ט פון דיר, וועט ער אפשר איין טאג ארויסשיקן א טשעק דורך די פאסט און דיר עס צוריקצאלן; אבער אויב ער האט ווי געטון דיינע געפילן, וועט קיין שום טשעק נישט פארגוטיגן אויף דעם. אפילו אויב דו זאלסט אים איבערבעטן און ער זאגט מיט'ן גאנצן הארץ, "איך בין דיר מוחל," אבער זיינע געפילן זענען נאך אלץ געטשעפעט - דער איינדרוק איז נאך אלץ דארט.

## עס בלייבט איינגעקריצט

לאמיר זאגן דו האסט איינעם פארוואונדעט; דו האסט אים געמאכט א שניט מיט א מעסער. יעצט איז דא דארט א שניט וואס גייט איבערלאזן א מיאוס'ער סימן. דו האסט אים איבערגעבעטן און אויך באצאלט זיינע מעדיצינישע קאסטן. וואונדערבאר; זייער גוט. אבער דער סימן פארבלייבט; צוליב דעם איז ער אויף אייביג א בעל מום. אזוי איז אויך מיט געפילן; עס בלייבט שטענדיג.

מיר געדענקען די ווערטער - אפילו אויב דו ביסט גוטהארציג און דו ביסט מוחל, אבער דו געדענקסט נאך דעם אינצידענט ווען דיינע געפילן זענען געטשעפעט געווארן דורך איינעם. און דו געדענקסט זיי פאר יארן נאך יארן. ווען דו וועסט זיין א הונדערט יעריגער אלטער מאן און דו וועסט צוריקטראכטן, וועסטו געדענקען, 'יענער מענטש האט געטשעפעט מיינע געפילן,' און 'יענער מענטש האט געטשעפעט מיינע געפילן.' ס'איז איינגעקריצט אין דיין מח.

איך שעם זיך צו זאגן אפן, אבער איך געדענק וואס מענטשן האבן מיר געזאגט פיל יארן צוריק צו טשעפן מיינע געפילן. איך בין זיי מוחל מיט א מחילה גמורה אבער איך קען עס נישט פארגעסן. איך האב פארברענגט אסאך יארן אין ישיבה, דורכאויס די צייט האב איך געהאט צו טון אפשר מיט צוויי טויזנט בחורים. יעדער פון זיי איז געווען גוט און פיין צו מיר. אין א תקופה פון ניינצן יאר אין ישיבה, האבן בלויז פינף בחורים מיר געזאגט עפעס שארפע ווערטער. איך געדענק זייערע נעמען. ס'איז אינטערעסאנט - אבער איך קען עס נישט פארגעסן. דער באשעפער זאל זיי בענטשן; זיי זאלן האבן ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם. זיי זאלן זיך עלטערן און האבן אור-אייניקלעך און זיי זאלן האבן פרנסה בריווח. זיי זאלן האבן נאר גוטס. אבער וואס עס האט פאסירט פארבלייבט נאך אלץ, עס פארבלייבט.

## א פארפלעקטער רעקארד

עס איז דא זייער א שיינער מנהג וואס פיל מענער און ווייבער פירן זיך דערמיט, זיך צו איבערבעטן איינער דעם אנדערן פאר די ימים נוראים. הרב יצחק פעטערבורגער, ווען ער פלעגט ארויסגיין צום שול ערב ראש השנה, פאר'ן ארויסטערטן פון הויז האט ער זיך אויסגעדרייט צו זיין ווייב און געזאגט, "זיי מיר מוחל." און זי האט צוריקגעזאגט, "דו זיי מיר אויך מוחל." עס איז זייער א גוטער מנהג צו נאכמאכן! און מען דארף נישט ווארטן אויף ערב ראש השנה, עס איז גוט צו טון סיי ווען. אבער אויך ווען מען טוט דאס, דארף מען נאך אלץ געדענקען וואס די גמרא זאגט, 'דאס איז בגופו און ס'איז נישט ניתן להישבון'. דאס איז ווייטאג וואס קענען נישט צוריקגעצאלט ווערן. א מאן וואס טשעפעט זיין ווייב מיט ווערטער, דאס ווערט נישט פארגעסן - און אפילו זי איז גרייט צו פארקוקן אויף דעם, אין איר הארץ ציפט עס! דער ווייטאג איז נאך אלץ דארט און עס לאזט א פלעק אויף זיין רעקארד.

און אויב עס פאסירט אפט, זאל ער וויסן אז ווען ער וועט ארויפקומען אויף יענע וועלט וועט דאס אלעס אפירקומען פאר דעם דיין האמת און ער וועט גע'משפט ווערן דערויף; ער וועט זיך נישט קענען פארהוילן

פון די זאכן וואס ער האט געטון - אויך נישט זי. עס איז א זייער ערנסטער ענין! עס איז א שאד אז אזויפיל מענטשן האבן זייערע רעקאָרדס אנגעפילט מיט פלעקן, ווייל דער באשעפער הערט אויס און פארשרייבט אלעס אין ספר הזכרונות. אן ערליכער פארפאלק, לעבן פרידליך אינאיינעם, אבער זיי האלטן אין איין ווי טון די געפילן איינער דעם צווייטן - דאס וועט אלעס אויפגעשפילט ווערן פאר זיי און יעדעס ווארט וועט ערוועקן אויף זיי א גרויסן שולד. ומגיד לאדם מה שיחו, און זיי וועלן גע'משפט ווערן אויף יעדע ווארט (זע חגיגה ה:).

## דער שטן ביים טויט-בעט

אודאי קען זיין אז זיי זענען זיך מוחל איינער דעם אנדערן פאר'ן שטארבן. אויפ'ן טויט בעט איז זי מוחל איר מאן. ער קומט צו איר בעט און זאגט, "איך בעט דיר, זיי מיר מוחל אויף אלעם וואס איך האב געזאגט." כאטש זאל ער האבן שכל דאס צו זאגן. געוויסע האבן נישט קיין שכל אפילו אויף דעם. דאס זעלבע פאסירט אויך פארקערט, די ווייב בעט מחילה פון איר מאן.

איך קען א מענטש וואס איז געווען זייער שלעכט צו זיין ווייב; ער האט איר אלעמאל דערנידערט. ער האט געמאכט איר לעבן פאר א גיהנום. איך קען די מעשה זייער גוט. איך האב גערעדט מיט אים; איך האב אים גערופן א שטן! א פרומער מענטש! א פרומער שטן! און ווען זי איז געווען אויף איר טויט בעט איז ער געקומען צו איר און איר געבעטן זי זאל אים מוחל זיין. האט זי געזאגט, "איך וועל דיר נישט מוחל זיין." דערנאך איז זי געשטארבן. אן אמת'ע מעשה. ער איז א גענענדיגטער! זי האט פארלאזט די וועלט און ער האט נישט באקומען קיין מחילה.

## עסן חזיר אין א אידישע שטוב?!

דערפאר קען מען נישט איגנארירן די נושא פון אונאת דברים. מיר דארפן אנערקענען אז טשעפן איינעם'ס געפילן איז א לאו דאורייתא פונקט ווי עסן חזיר. יעצט לאמיר פרעגן וועלכער ערליכער איד וועט חלילה עסן חזיר? מיר ציטערן אויף פון אזא געדאנק פון עסן חזיר; אבער ווען עס קומט צו אונאת דברים טרעטן מיר דערויף נאכאנאנד.

און איך וויל אייך זאגן עפעס - דער ארט וואו מערסטנס פון אונז טרעטן דערויף דאס מערסטע, איז ביי זיך אינדערהיים. אזויפיל מענטשן זינדיגן מיט זייער מויל אין זייער היים. שטעלט זיך פאר א אידישע היים וואו מ'עסט א גאנצן טאג חזיר; א ביס פון חזיר אינדערפרי, א חזיר סענדוויטש ביי מיטאג און אביסל חזיר פאר נאכטמאל! איז דאס א פרומע הויז?

א שטוב וואו מאן און ווייב אדער ברידער און שוועסטערס זענען עובר אויף אונאת דברים א גאנצע צייט, וואספארא סארט הויז איז דאס? א פלאץ וואו זיי זענען עובר אויף זייער א הארבער לאו זייער גאנץ לעבן - זייער פיל מאל; עס קען פאסירן טויזנטער מאל - דאס הייסט א פרומע הויז?

## קיינמאל נישט געלערנט

א מענטש האט מיר אמאל געזאגט, ער האט באזוכט א הויז פון אן ערליכע משפחה וואו די עלטערן געבן זיך אפּ צו ערציען פרומע קינדער. דארט האט ער געהערט ווי זיי טשעפן איינער דעם צווייטן'ס געפילן. זיי האבן געזאגט ווערטער וואס האבן געשטאכן איינער דעם צווייטן. יענער מענטש האט מיר געזאגט אז ער איז געווען ערשיטערט פון וואס ער האט דארט צוגעזען.

אלזא, יענער פארפאלק זענען געווען צוויי ערליכע און פיינע מענטשן. זיי האבן ערצויגן א גרויסע פאמיליע בדרכי התורה און זענען געווען פול מיט יראת שמים. און דאך, זענען זיי געווען פארנומען טשעפן איינער דעם צווייטן'ס געפילן. עס קען זיין אז ער געבט זיך ארויס נאך א טאג פון שווערע ארבעט אין אפיס און זי נאך א טאג פון שווערע ארבעט מיט אלע קינדער, אבער דאס איז נישט קיין תירוץ.

מענטשן דערציילן מיר נאכאנאנד איבער זייערע עלטערן אז זיי זענען פיינע מענטשן, געטרייע עלטערן אבער

שטענדיג קריגן זיי זיך. איז דאס נישט א טראגעדיע? שטענדיג זיך קריגן; איבער וואס? איך האב פראבירט דאס נאכצוגיין ביי פארשידענע פעלער, צי איז דא עפעס אן אונטערליגנדער אורזאך? אבער ניין; בלויז שלעכטקייט, נאכלעסיגקייט, נארישקייט, מידות רעות. באמת וואלטן זיי נישט געוואלט עס זאל פאסירן קיין שום שאדן פאר דעם צווייטן. אויב איינער פון זיי וואלט קראנק געווארן, וואלט דער צווייטער געטרייערהייט געטון אלעס צו העלפן. און דאך, א נאכלעסיגקייט מיט'ן צונג האט זיי רואינירט ווייל זיי האבן קיינמאל נישט געלערנט ווי הארב עס איז דער איסור פון אונאת דברים!

## קינדער זענען אויך מענטשן

און דאס איז נישט נאר צווישן מאן און ווייב אדער צווישן א ברודער און שוועסטער. דיינע קינדער אויך. דו דארפסט זיך לערנען צו אכטונג געבן נישט צו ווי טון דיינע קינדער'ס געפילן - עס איז אסור צו טשעפן א קינד מיט דעם צונג. צומאל איז אפילו בעסער צו געבן א פאטש ווי איידער צו פארשעמען - אים רופן נארעלע אדער אנדערע טיטלען. צומאל ווערט א קינד פארשעמט קעגן אנדערע קינדער און ער וועט דאס געדענקען אויף אייביג. און עס וועט פארבלייבן דיין קאנטע אויף שטענדיג.

פונקט ווי גזל; אויב דו גנב'עסט געלט וואס געהערט צו א קטן; לאמיר זאגן איינער האט עפעס געגעבן פאר א קינד אלס א מתנה, אצינד איז עס זיין אייגנטום. עס איז דעת אחרת מקנה, עס איז זיינס (זע תוספות גיטין לט.) - מען טאר עס נישט גנב'נען פון אים. איך קען א זיידע וואס ווען זיינע אייניקלעך קומען אים באזוכן געבט ער זיי לעקערס אדער קליינע שפילצייג. און ווען זיי גייען ארויס, מאכט זיך אז איינער פון זיי לאזט עס בטעות איבער, וועט עס דער זיידע נישט געבן פאר א צווייטן. ווייל ער האט עס שוין געגעבן פאר דעם אייניקל; דעת אחרת מקנה, דאס קינד האט עס קונה געווען - ער קען עס שוין נישט געבן פאר אן אנדער אייניקל. ער לייגט עס אוועק; ערווארט אז יענער אייניקל זאל צוריקקומען. וועט איר זאגן, "שוין, ער האט עס איבערגעלאזט. איך וואלט עס געגעבן פאר א צווייטן." ניין, דו קענסט עס נישט געבן פאר א צווייטן - עס געהערט פאר דעם אייניקל.

דאס איז די הלכה - עס איז גזל. מען קען זיך נישט ארומשפילן דערמיט - עס איז א שפיל מיט פייער. און די זעלבע איז מיט אונאת דברים, נאר עס איז נאך א פיל מסוכן'דיגערע פייער. ווי שטארק דו ביסט פארזיכטיג מיט זיין געלט, דארפסטו דאפלט אכטונג געבן מיט זיינע געפילן. דער באשעפער וועט געדענקען די פארשעמונג וואס דו האסט גורם געווען פאר דאס קינד.

## מחנך זיין מיט חכמה

דאס מיינט נישט אז מ'טאר נישט געבן א פאטש ווען עס קומט אים. אמאל, ענדערש ווי צו אראפקלאפן א קינד און זאגן, "דו ביסט נישט גוט," איז בעסער אים צו געבן איין פאטש. אין אמעריקע איז אפשר היינט פארבאטן צו זאגן אזעלכע רייד פון 'כפירה'..., אבער א פאטש האט זיינע פארדינסטן - נאר מ'דארף וויסן ווען און ווי אזוי; מיר האבן דאס שוין פיל מאל ארומגערעדט. אויב דו זעסט אז ער טוט נישט זיין היימארבעט אדער ער גייט נישט אין חדר, ער איז פויל אדער א מחוצף, איז בעסער צו געבן א פאטש ווי אונאת דברים.

און אמאל איז א גלעט אויף די באקן דער בעסטער אויסוואל. א הארציגער גלעט קען באווייזן וואונדער. אבער סיי וואס עס זאל זיין, אונאת דברים איז זיכער נישט אויסגעהאלטן. לאז דאס ארויס. דו קענסט אים צווינגען צו טון וואס ער מוז טון. צווינגען איז נישט שלעכט, אבער צו ניצן דיין צונג ווי א שווערד, אים באטיטלען מיט נעמען, אים איבערצייגן אז ער איז א דורכפאל אדער פארמאגט שלעכטע מידות, דאס איז איינע פון די ערגסטע זאכן וואס דו קענסט טון ווייל נאכאנאנדע באזידלונג און דערנידערונג טוט בלויז אראפקלאפן זיין זעלבסט-זיכערקייט און איבערצייגט אים אז ער איז א גארנישט.

זיכער טראגט א טאטע אן אחריות צו ערציען זיינע קינדער; ער מוז זיי דיסציפלינירן. ער קען זיי נישט לאזן וואקסן הפקר ווי דערנער. א קינד איז א בוים; עס דארף פלעגונג צו וואקסן גוט און דערפאר, פונקטליך וואס

צו טון, עשה כחכמתך. אבער סיי וועלכער צוגאנג דו וועסט נעמען, דארפסטו אלעמאל געדענקען אז עס מוז געטון ווערן בחכמה, ווייל אונאת דברים איז נוגע צו אלעמען.

## חלק ב' - א גופטיגע שפראך

### די הימלישע דראמא

די גמרא אין מסכת ערכין (טו:) זאגט אז לעתיד לבא וועט דער באשעפער אויפשפילן א מורא'דיגע דראמא. און ווער גייען זיין די צוקוקער? ווער וועט קומען זען די שפיל? מיר אלע! אלע מענטשן וועלן זיין איינגעזאמלט און צוקוקן.

געווענליך זענען שפילן א שאד אויף די צייט - צומאל דארף מען מאכן א שפיל פאר א צדקה צוועק און דאס גלייכן, אבער סתם שפילן פאר אונטערהאלטונג זענען א נארישקייט. אבער א שפיל וואס ווערט פארגעשטעלט דורך דעם באשעפער אליין, אויב הקדוש ברוך הוא איז דער פאבריצירער און דיריגירער פון די דראמא, דאן פארשטייען מיר אז עס איז דא אסאך וואס צו לערנען דערפון.

### די שלעכטע שלאנג

שטייט דארט אז דער באשעפער גייט ארויפברענגען אויף די בימה אלע ווילדע חיות - די אלע חיות אינאיינעם אויף איין זייט, און אויף די צווייטע זייט, אינגאנצן אליין, וועט זיין די שלאנג. און די חיות גייען קאנפראטירן די שלאנג; זיי וועלן אנפאלן אויף איר און איר אנשרייען, "דו שלעכטע באשעפעניש! וואס האסטו געהאט פון בייסן מענטשן און ארייגעבן אין זיי דיין גיפט? מה הנאה יש לך - וואספארא נוצן האסטו געהאט דערפון?"

"ווען מיר זענען אנגעפאלן אויף אונזערע קרבנות," וועלן די חיות זאגן צום נחש, "איז דאס כאטש געווען ווייל מיר זענען געווען הונגעריג. אבער דו האסט עס נישט געטון ווייל דו האסט געוואלט עסן - יעדער באשעפעניש וואס איז דיר אריבערגעגאנגען האסטו געביסן! בלויז צו ארייגעבן דיין גיפט און הרג'נען אן קיין שום צוועק, דאס איז שלעכטקייט!" דאס איז וואס די חיות וועלן זאגן ביי די מורא'דיגע דראמא - און אלע מענטשן וועלן דאס זען און אויסהערן.

וועט די שלאנג זיך פארענטפערן: "פארוואס אטאקירט איר מיר? עס איז דא א באשעפעניש וואס איז נאך ערגער ווי מיר. גייט ערשט צו אים!"

### דער שלעכטער מענטש

"ערגער ווי דיר?! ווער איז ערגער ווי דיר?" וועלן די חיות פרעגן. און דער נחש וועט זיך אויסדרייען און אנווייזן אויף די צוקוקער, אויף אונז אלע: "דאס איז ער! דער מענטש מיט זיין שלעכטער צונג! וואספארא נוצן האט ער ווען ער בארעדט אנדערע מענטשן? איך האב כאטש אן אינסטינקט זיך צו באשיצן. דערפאר, ווען עס דאכט זיך מיר אז איינער איז מיין שונא, וועל איך אים אויסכאפן און פארגיפטיגן. אבער וואספארא נוצן האט דער מענטש פון פארגיפטיגן אנדערע מענטשן? בלויז צו ארייגעבן גיפט אן קיין שום סיבה, פאר אביסל נארישע הנאה פון לאזן פריי דאס מויל?"

"אויב אזוי, איר אלע ווילדע חיות," וועט דער נחש זאגן, "זאלט איר זיך איינזאמלען און אנפאלן דעם רעכט שולדיגן פארטיי - דעם בעל הלשון, דער וואס רעדט לשון הרע. מה יתרון לבעל הלשון - וואספארא נוצן האט דער מענטש פון זיין שלעכטן צונג? ער איז דער ערגסטער באשעפעניש וואס איז דא אין די וועלט!" דאס מיינט, ער איז דער ערגסטער פון אלע באשעפענישן. דער ערגסטער מענטש איז דער בעל לשון הרע. דאס איז וואס דער שפיל וועט פארשטעלן. און מיר דארפן געדענקען פון וועמען ער רעדט. ער רעדט איבער אונז!

## אנדערע סארט לשון הרע

איך ווייס אז ווען מ'רעדט היינט איבער לשון הרע, איז דאס א פאפולערע נושא. מענטשן לערנען דעם ספר חפץ חיים און שמירת הלשון און זיי מיינען אז לשון הרע מיינט רכילות, רעדן שלעכטס אויף מענטשן. אודאי איז עס אזוי, און דאס איז אן ענין וואס דארף אסאך זהירות, שטארקע פארזיכטיגקייט! נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע - דו דארפסט היטן דיין צונג פון שלעכטס!

א מענטש וואס רעדט שלעכטס אויף אנדערע מענטשן איז א רשע גמור, נישטא קיין ספק אין דעם. אבער ער איז נישט דער איינציגסטער גיפטיגער מענטש אויף וועמען דער נחש האט אנגעוויזן. עס איז דא נאך א סארט לשון הרע וואס ווערט אפט פארזען און דאס איז די לשון הרע פון זאגן פאר יענעם ווערטער וואס טוען וויי. צו טשעפן מענטשן'ס געפילן, דאס איז ריכטיגע לשון הרע; דאס איז דער שלעכסטער צונג.

ווייל יֵשׁ בּוֹטֶה כְּמַדְקְרוֹת חָרֶב - אמאל זענען ווערטער וואס קומען ארויס פון דיין מויל אזוי ווי א שטאך פון א שווערד. פיל מאל קען מען זאגן, אפילו נישט בכוונה, א ווארט וואס קען מאכן א צווייטן זיין נידערגעשלאגן א גאנצן טאג. אויב דו ביסט נישט פארזיכטיג, קענסטו אפילו הרג'נען מיט דיין צונג.

מיין נישט אז וואס דו זאגסט וועט זיך פשוט אפשאקלען פון מענטשן. פיל מאל האבן שוין מענטשן זיך גענומען דאס לעבן צוליב א שלעכט ווארט. זיי זענען שוין געווען אנגעלאדנט מיט אזויפיל מוטלאזיגקייט - דאס גאנצע וואס האט נאך אויסגעפעלט איז איין ווארט און זיי האבן געזאגט, "געענדיגט מיט אלעם."

## א שעדליכער טרער

איך וועל דערציילן א קורצע מעשה פון א צדיק וועלכער האט נישט געטשעפעט זיין ווייב מיט קיין ווערטער - אבער אפילו אן צו עפענען זיין מויל האט ער ווי געטון זיין ווייב אומווילנדיג. דאס איז אויך א סארט אונאה. דער אמורא יהודה, דער זון פון רבי חייא, איז געווען א גרויסער מענטש. יהודה און חזקיה זענען געווען צוויי באוואוסטע זין פון רבי חייא. חזקיה, דער רבי פון רבי יוחנן, האט געלעבט פיל לענגער און ווערט אפט דערמאנט אין די גמרא. דאגעגן יהודה, ער ווערט זעלטן דערמאנט אין די גמרא. פארוואס? ווייל ער איז נסתלק געווארן יונגערהייט.

די גמרא דערציילט וואס עס האט פאסירט. א גאנצע וואך איז ער געזעסן אין בית המדרש און געלערנט. ער איז נישט אהיים יעדע נאכט, נאר ערב שבת איז ער אהיימגעקומען. אלזא, פלעגט זיין ווייב זיצן יעדן פרייטאג ביים פענסטער און ווארטן ער זאל אהיימקומען. זי פלעגט קוקן אויף די וועגן און זאגן, "אפשר קומט ער יעצט," "אפשר יעצט." זי איז געווען אזוי פריילין - איר מאן קומט אהיים אויף שבת. אן א טאטן, וואספארא סארט שבת איז עס דען?

איין פרייטאג נאכמיטאג ווען דער אמורא יהודה האט זיך געגרייט אהיימצוגיין, איז איינער צוגעקומען אים פרעגן א שאלה אין לערנען. ער איז געווארן אריינגעשלעפט אין א תורה שמועס וואס האט זיך לאנג פארצויגן, און עס איז געווארן שפעטער און שפעטער. און זיין ווייב איז געזעסן ביים פענסטער און געווארט. זי האט געזען אז עס ווערט שפעט און עס איז נישטא קיין שפור פון אים. איר הארץ איז אין איר איינגעפאלן טראכטנדיג, "אפשר קומט ער נישט אהיים אויף שבת?" און א טרער האט זיך ארויסגעקייקלט פון איר אויג, אראפ אויף אירע באקן. און דער באשעפער האט דאן אוועקגענומען יהודה'ס לעבן. "געב אכטונג אויף אונאה קעגן דיין ווייב! אויב זי לאזט א טרער, וועט דיין שטראף זיין שנעל!" פירט אויס די גמרא מיט א לערע (בבא מציעא נט.).

## סכנה'דיגע רייד

אלזא, יהודה איז געווען אן אומשולדיגער מענטש וועלכער האט ליב געהאט די תורה מיט זיין גאנצע הארץ און זיכער האט ער געפלאנט אהיימצוגיין, נאר צוליב דעם וואס ער האט נישט גענוג אין אכט גענומען די געפילן פון זיין געטרייע ווייב וואס איז געזעסן און געווארט אויף אים, איז ער אזוי הארב באשטראפט געווארן.

דאס איז א מעשה וואס דארף אויפטרייסלען א מענטש. וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹקֶיךָ - דו זאלסט מורא האבן פון באשעפער! מיר הייבן אן צו באגרייפן וואס עס מיינט, ווי הארב עס איז אונאת דברים, צו טשעפן מענטשן מיט ווערטער. אויב ווען מען האט אומווילנדיג גורם געווען צו פארלאזן א טרער האט עס געברענגט אזא הארבער שטראף, וויפיל מער איז דאס ווען א מאן שטעכט אריין א מעסער אין זיין ווייב מיט א שווערד פון א שארפער צונגע?!

און דערפאר איז וויכטיג אז מענטשן זאלן אריינטראכטן, 'וואס האב איך גערעדט דורכ'ן טאג? אפשר איז כדי בעסער צו טרענירן מיין צונג צו זיין איינגעהאלטן? אפשר בין איך צו לייכטזיניג מיט יענעם'ס געפילן?' מענער און ווייבער, אינגלעך און מיידלעך, עלטערע חכמים, ביזנעסלייט, יעדער מוז נעמען אביסל צייט צו אריינטראכטן ווי אזוי זיי רעדן.

## שלום בית עצה

מיר זעט אויס אז אונאת דברים איז דער גרעסטער שטער אין שלום בית. פיל יארן האב איך געהאנדלט מיט מענטשן וואס פלעגן קומען צו מיר. אמאל האב איך מצליח געווען און אמאל נישט, אבער דאס קען איך זאגן, אז מערסטנס מאל האבן זיך די פראבלעמען אנגעהויבן מיט אונאת דברים, ווערטער וואס טוען וויי.

דערפאר, ווען א חתן אדער כלה קומען צו מיר בעטן הדרכה, איז דאס איינע פון די ערשטע זאכן וואס איך זאג זיי אן.

דאס איז זייער א הארבער זינד און פונדעסטוועגן, ליידער פארברענגען פיל מענטשן זייער גאנץ לעבן רעדנדיג נישט קיין שיינע שפראך איינע צו די אנדערע - פופציג יאר פון אמפערנישן און נאכאנאנדע קריגערייען; יעדן מאל טשעפנדיג איינע די צווייטע'ס געפילן. די מענטשן וואס פארברענגען זייער לעבן מיט לייכטזיניגע רייד און באשולדיגונגען, זיי דארפן וויסן וואספארא שווערער לאסט דאס וועט זיין אויף זיי! זייער א גרויסער שולד!

אודאי, אויב זענט איר א קלוגער מענטש, וועט איר זאגן, "וואס מיינען דען ווערטער? איך וועל פארגעסן פון די ווערטער!" גערעכט! דאס איז וואס דו זאלסט טון - זיך מאכן ווי דו האסט עס קיינמאל נישט געהערט. אבער נישט אלעמאל זענען ביידע צדדים קלוג - און וואס דו האסט איר געזאגט אדער וואס זי האט דיר געזאגט, ווער ווייסט ווילאנג עס וועט רודערן אינעווייניג? און עס ווערט א סם, ווי די גיפט פון א שלאנג! און דאן, ביי דעם גרויסן יום המשפט, וועט די שלאנג ווייזן אויף דיר: "דאס איז דער אמת'ער שלעכטער באשעפעניש," וועט ער זאגן.

# חלק ג' - היילנדע רייד

## קענסט אויפטוען מער ווי א דאקטער

אצינד, וויפיל דער צונג קען זיין דער מסוכן'דיגסטער שווערד אין די הענט פון א לייכטזיניגער מענטש, זענען די געלעגנהייטן צו טון גוטע זאכן מיט דיין צונג, צו היילן אנשטאט צו חרוב מאכן, פונקט אזוי אפן פאר דיר. אין משלי (טו:ד) שטייט: מַרְפֵּא לָשׁוֹן עֵץ חַיִּים - א היילנדער צונג איז א בוים פון לעבן. דאס מיינט, אז אויב דו לערנסט זיך צו טרייסטן מענטשן, זיי צו מאכן פילן גוט, וועסטו ווערן א גרויסער פראפעסאר.

מיט דיין צונג קענסטו אויפטון מער ווי דאקטוירים קענען טון; מענטשן זענען צוקלאפט און זיי דארפן אביסל חיות - יעדער קען ניצן א טרייסט ווארט, א פריינטליך אויסדרוק אדער א קאמפלימענט. דו וועסט ווערן איבערראשט ווי וויכטיג עס איז פאר מענטשן א גוט ווארט. מיין נישט אז ווייל א מענטש הערט זיך לוסטיג און לעבעדיג ביים רעדן און ס'איז שווער אים צו זאגן א זייטיג ווארט, דערפאר דארף ער עס נישט. זארג נישט. ער הערט וואס דו זאגסט אים.

## גוטע ווערטער אנשטאט אן עצה

וואס מענטשן דארפן מער ווי סיי וואס אין די וועלט איז אפאר גוטע ווערטער. איך דערהער דאס ווען מענטשן רופן מיר אין טעלעפאן. אסאך מענטשן רופן מיר פאר עצות, אבער זיי לאזן מיר נישט רעדן! ס'איז מערקווירדיג! ס'זעט אויס ווי זיי ווילן באקומען עצות אבער זיי ווילן מיר נישט אויסהערן. זיי ווארטן בלויז אויף דעם "וואה!" אמאל, אמאל וועלן זיי מיר פריי לאזן עטליכע סעקונדעס צו זאגן א ווארט, צוויי אינצווישן, "ביסט גערעכט, ביסט גערעכט". אודאי קען מען נישט אלעמאל זאגן, "ביסט גערעכט", אבער דאס איז וואס מענטשן ווילן הערן. זיי דארפן נישט קיין עצות; זיי ווילן נאר מ'זאל זיי בארעכטיגן און געבן גוטע ווערטער.

יעדער דארף אביסל מער שמחה אין זיין לעבן און דו קענסט זיין דער וואס זאל ארייינטריפן זאלב אין די וואונדן פון דערשלאגענע אידן. דאס איז דער מעדיצין צו וואס מענטשן לעכצן אמערסטנס - אביסל אנערקענונג און גוטע ווערטער - און דו האסט די מעדיצין זיי צו געבן. צו דעם האסטו באקומען א צונג - נישט פאר אונאת דברים, נאר פאר רפואה. און אויב זאגסטו איין גוטע ווארט, וועט ער עס געדענקען און עס וועט אים טוישן נישט נאר דעם איינעם טאג, עס איז מעגליך עס וועט גאר טוישן זיין גאנץ לעבן. ווייל וויפיל א שלעכט ווארט פארבלייבט אויף אייביג, איז א גוט ווארט נאכמער.

די געלעגנהייטן צו זאגן גוטע ווערטער פאר מענטשן זענען ענדלאז; אויפ'ן גאס, אין שול אדער וואו אימער עס געפינען זיך אידן. עס איז גוט זיך צו לערנען ניצן א 'מרפא לשון', א היילנדער צונג פון גוטע ווערטער, חיזוק און קאמפלימענטן. מען קען אלעמאל געבן א נדבה פון אפאר גוטע ווערטער - א קלוגער מענטש וועט שטענדיג טרעפן עפעס צו זאגן צו דערהייבן אידן.

## אין די אייגענע היים

אבער פון אלע געלעגנהייטן איז נישטא נאך עפעס אזוי פראדוקטיוו און פרוכטבאר ווי אין די אייגענע היים. א אידישע היים איז אן ארט ווי די עבודה פון 'מרפא לשון' קען די בעסטע אויסגעפירט ווערן. דיינע פאמיליע מיטגלידער; דיינע עלטערן, דיינע ברידער, דיינע שוועסטערס, דיינע קינדער - זיי זענען די בעסטע קאנדידאטן ווייל זיי זענען אלעמאל דארט פאר דיר.

ברידער און שוועסטערס קענען זיך אמאל ווייט טון די געפילן; זיי דערנידערן זיך איינע די אנדערע און זינדיגן נאכאנאנד מיט אונאת דברים. דאס איז א שרעקליכע פארפאטשקעטע געלעגנהייט. דו וועסט זיי נישט האבן אויף שטענדיג. איין טאג וועלן זיי זיך צעגיין און יעדער פון זיי וועט צוריקקוקן צו די פארגאנגענע צייטן ווען מען האט געלעבט צוזאמען.

## די בעסטע מולטי-וויטאמינען

דאס זעלבע מיט דיינע קינדער. קינדער וועלכע ווערן געמוטיגט אינדערהיים לערנען בעסער. זיי זענען מער צוזאמגענומען. זיי שטעלן זיך צו. און דער עיקר - מוטיגונג, קאמפלימענטן, לויב ווערטער - דאס זענען די בעסטע וויטאמינען וואס מ'קען זיי געבן! ווען א קינד טוט א קלייניקייט, מאך עס בעסער ווי עס איז און לאז אים שפירן אז עס לוינט זיך צו טון גוטס. אויב א טאטע אדער א מאמע זעט א קינד מאכן א ברכה מיט כוונה, זאלן זיי אים אויסלויבן דערפאר. דער צוגאנג פון מוטיגונג, פון מרפא לשון, פון גוטע ווערטער און קאמפלימענטן, דאס איז איינע פון די יסודות פון א אידישע שטוב.

און דרך אגב, קינדער זאלן אויך זוכן צו מוטיגן די עלטערן. פארגעסט נישט דערפון. דו דארפסט מחזק זיין דיין טאטן. דו דארפסט מחזק זיין דיין מאמען. מיין נישט אז דאס איז א זייטיגע זאך. עס זענען דא פיל אופנים ווי אזוי מ'קען מוטיגן די עלטערן, און זיי דארפן עס אויך ווייל די וועלט איז פארנומען צו טון דאס פארקערטע. און דערפאר, אפאר גוטע ווערטער פון קינדער מיינט גאר אסאך.

## אן אוצר פון גאלד

עס איז אזוי גרינג צו קונה זיין עולם הבא ווען א מענטש מאכט זיכער צו געבן אמאל א קאמפלימענט פאר זיין ווייב. דאס איז א טענה פון פיל פרויען: "ער האט מיר קיינמאל נישט געגעבן אפילו איין קאמפלימענט." דער מאן איז אן ערליכער מענטש, ער איז נישט קיין אויבערפלעכליכער און עס זעט אים אויס נאריש. ער טראכט, "זי ווייסט אז איך שעץ אלעס - איך מוז עס זאגן?!" און ווייל ער שפארט זיינע ווערטער, גייט זיין לעבן פארביי מיט פארלוירענע געלעגנהייטן.

יעצט, איך וויל מענטשן זאלן דאס צוהערן; פארהייראטע פארפעלקער זאלן דאס גוט דערהערן, ווייל עס זענען פארהאן מענטשן וואס פארברענגען זייער לעבן פירנדיג זיך אינדערהיים פונקט פארקערט. זייער אויפגאבע אויף די וועלט איז צו געבן איינע די אנדערע חיזוק און דערוויילע לעבן זיי אפ זייערע לעבנס רעדנדיג ווערטער וואס טוען די פארקערטע פעולה.

עס איז זייער וויכטיג צו געדענקען אז דו האסט א גאנצער אוצר פון גאלד וואס קאסט דיר גארנישט זיך צו טיילן דערמיט. און דיין ווייב איז דארט פאר דיר און זי איז וויליג און גרייט צו הערן חיזוק פון דיר. דיין ארעמע ווייב, נאכ'ן פארברענגען א טאג אינעם הייסן קאך, נאך שעות פון זיך אפגעבן מיט די קינדער, ווארט דערויף; און אויב דו וואלטסט געוועןן וויליג צו אפפערן איינס אדער צוויי ווערטער פון חיזוק, ווייסטו גארנישט וואס דו טוסט אויף דערמיט. דו קענסט זאגן, "איך זע אז דו ארבעטסט זייער שווער אריינצוברענגען דעם שבת קודש. ווי גרויס איז די מצוה צו זיין פארנומען דערמיט א גאנצן טאג!" זאג עפעס אזוי, מוטיג איר. מיט א דורכגעטראכטע ווארט קענסטו מצליח זיין אין יעדן הינזיכט מיט דיין ווייב - נישט נאר דיין ווייב; יעדער מענטש וואס דו באגעגנסט איז נאך א געלעגנהייט.

## מיט וויפיל מענטשן האב איך מצליח געווען?

זיי וויסן אז א מענטש ווערט געמאסטן, ער ווערט גע'משפט, לויט וויפיל מענטשן ער באגעגנט. עס לוינט צו אריינטראכטן אין דעם; זיך מאכן א חשבון הנפש דערויף. איז הייבסטו אן טראכטן - אינדערפרי ביסטו געגאנגען אין שול דאווענען און דו האסט אנגעטראפן איינעם אויפ'ן וועג און דערנאך אין שול האסטו אנגעטראפן עטליכע מענטשן. צו מערסטנס פון זיי האסטו נישט גערעדט אבער אפשר צו איינס צוויי האסטו יא. דערנאך ביסטו אהיימגעגאנגען עסן פרישטאג און דו האסט אנגעטראפן דיין זון וועלכער איז געווען ביים טיר אויפ'ן וועג ארויס צו חדר. נאכדעם ביסטו אראפגעלאפן די גאס צו כאפן דעם באס, אזוי אז דו האסט אויך אנגעטראפן דעם באס דרייווער. און דאן, אין דיין כולל אדער להבדיל ביי דיין ארבעטס פלאץ האסטו זיך אויך אנגעקלאפט אין עטליכע מענטשן.

קוק צוריק אויף דיין טאג און זע וויפיל דו האסט מצליח געווען מיט די דרייסיג, פערציג אדער פופציג באגעגענישן. ביסטו געווען ערפאלגרייך אין דיין עבודה פון 'מרפא לשון'? אדער האסטו חס ושלום גענוצט דיין צונג אויפ'ן פארקערטן אופן, פאר אונאת דברים? דו ווערסט געשטעלט צום פארהער יעדן טאג, יעדן איינציגן טאג. ווי מער מענטשן דו טרעפסט אן אין א טאג, אלץ מער ווערסטו פארהערט אויף דעם.

אצינד, נעם אין אכט אז דיין ווייב ווערט גערעכנט ווי אסאך מענטשן! דו האסט נישט בלויז איין ווייב. אפילו נאך דעם חרם דרבינו גרשום, איז עס נישט איין ווייב. דאס וואס דו טרעפסט זיך אן אין דיין ווייב אזויפיל מאל, רעכנט זיך עס צוזאם ווי פיל מענטשן. יעדער באגעגעניש איז נאך א געלעגנהייט, נאך א פארהער. די דרייסיג מאל אין איין אוונט וואס דו האסט געהאט עפעס משא ומתן, א שמועס, אן אויסטויש פון ווערטער, אדער עפעס, דאס זענען דרייסיג באגעגענישן; עס איז ווי דרייסיג אנדערע מענטשן.

## באזינג איר לויב

דערפאר זאלסטו זאגן גוטע ווערטער ווען דיין ווייב קאכט פאר דיר נאכטמאל. זאג איר עס איז א גוטע נאכטמאל. געווענליך איז עס גוט. און אפילו אויב נישט, זאג עס סייווי, "ס'איז א גוטע נאכטמאל." דו ווייסט

וויפיל חיזוק דאס געבט? דו קענסט טראכטן אז ס'איז גארנישט; ניין, ס'איז נישט גארנישט - ס'איז א געוואלד! קלייב דיינע ווערטער; ניך בלויז קאמפלימענטן און לויב. ווען דיין ווייב געבט דיר עפעס צו עסן, איז עס א געלעגנהייט. אויך ביי אנדערע זאכן; ווען דו שפאצירסט אריין אין דיין הויז קענסטו זאגן, "ווי שיין און ריין איז די הויז." אדער זאג, "דו ביסט א מייסטער אויפזעערין - א גוטע באלעבאסטע." פון צייט צו צייט, זאג פאר דיין ווייב אז זי איז אן אשת חיל. ווייז שעצונג - עס קאסט נישט קיין געלט. א מענטש האט די מעגליכקייט צו טרעפן די ריכטיגע ווערטער און עס איז זיין אויפגאבע צו טון; צו זוכן וועגן און אופנים פון קאמפלימענטירן זיין ווייב. ער זאל באזינגען איר לויב - און נישט בלויז איין מאל און געענדיגט. ער זאל נאכזוכן. ער זאל טרעפן וואס צו לויבן - עס איז זיין אויפגאבע.

אמאל איז כדי צו געבן קליינע מתנות. טייל מענער האבן נישט דעם געפיל ווי אזוי זיך אויסצודריקן - זיי דארפן זיך עס לערנען, זיי דארפן עס פראקטיצירן; אפילו אויב עס זעט אויס מאדנע אין אנהייב, האלט זיך דערביי. אבער צומאל, ביז דו ווערסט געוואוינט דערצו, קענסטו קויפן קליינע מתנה'לעך. אויב האסטו א פראבלעם ווי אזוי זיך אויסצודריקן, איז איינע פון די וועגן ווי אזוי א מאן קען נאכאנאנד קאמפלימענטירן זיין ווייב איז דורך קויפן אפט, כאטש איינמאל א וואך, עפעס א קלייניקייט, א ביליגע מתנה, און עס אהיימברענגען צו זיין ווייב.

## א ווייב'ס ביזנעס

ווייבער דארפן טון די זעלבע צו זייערע מענער. דיין מאן קען אפשר אנשטעלן א פנים ווי ער דארף עס נישט, אבער אין אמת'ן לעכצט ער פאר די תורת חסד על לשונה (משלי לא:כו) פון זיין ווייב. איז דיין ארעמער מאן ווען ער קומט אהיים מיד פון א טאג אין זיין אפיס אדער געשעפט - ער האט געהאט אזויפיל רייבערייען מיט זיינע קונדן, מיט אויפזעערס, מיט קאנקורענטן. אפשר האט זיך זיין בעל הבית געפירט נישט שיין צו אים און ער איז אויסגעשעפט; אויב איז דא א קלוגע ווייב אינדערהיים, באגריסט זי אים מיט אפאר שיינע ווערטער. "חיים, איך בין אזוי פריילעך דיר צו זען. איך האב דיר געמאכט א פיינע נאכטמאל היינט.

ווי ווייט מעגליך דארף זי אויך ווייזן שעצונג פאר איר מאן. אויב זי זעט איר מאן איז עוסק אין תורה, זאל זי אים אויסלויבן. סיי וואס ער טוט זאל זי אויסלויבן. ס'מיינט נישט אז זי דארף שטיין דארט ווי א פופעט א גאנצע לאנגע טאג און זינגען זיינע לויב אבער זי זאל זוכן געלעגנהייט צו זאגן א גוטווארט. א פרוי דארף עס מאכן פאר איר ביזנעס אלעמאל צו זוכן געלעגנהייטן אריינצוווארפן א ווארט פון חיזוק צו איר מאן. "חיים, דו האסט זייער גוט פאררעכטן די סינק. עס ארבעט יעצט פערפעקט." אדער, "דו זעעסט היינט אויס זייער גוט." ס'איז אלעס א טייל פון דער ספעציעלער פאך פון ניצן א מרפא לשון.

## די סך הכל

און דערפאר, ווען מיר לייענען פון אונאת דברים אין די היינטיגע פרשה, און מיר לערנען די ווערטער פון חז"ל וואס לערנען אונז ווי שלעכט עס איז צו זאגן פאר א צווייטן ווערטער וואס טוען וויי - נאך ערגער ווי גנב'נען פון אים -דארפן מיר פארשטיין אז זיך צו פארמיידן פון די זינד איז נאר דער אנהייב פון אונזער אויפגאבע. אפילו אויב מענטשן זענען מצליח אין אנדערע ענינים פון עבודה, אבער אויב זיי דערנידערן זיך איינע די צווייטע, מיינט עס אז זיי טוען פונקט פארקערט פון וואס מיר ווערן געפאדערט. דאס איז א געוואלדיגע מיסיע, וואס הקדוש ברוך הוא פארלאנגט פון אונז.

און דערפאר, מענטשן וואס האבן א קאפ אויף זייערע פלייצעס און זיי טראכטן פון די גאלדענע געלעגנהייט וואס זיי פארמאגן, זיי וועלן נישט זיין צופרידן בלויז פון נישט קריטיקירן אדער דערנידערן. ס'איז נישט גענוג. ווייל באמת איז עס נאר דער יסוד פון פיל גרעסערע זאכן - ס'איז ווי גיין א טריט ארויף צו א גרעסערע קאריערע פון ניצן א מרפא לשון.



# SPREAD the WORD

# $150,000

## ראש חודש סיון

## Wednesday - Thursday May 12-13




This time don't just **receive** the Torah, **spread it too!** By taking part in this campaign, you gain a share in spreading ***authentic Torah hashkafa*** as taught by ***Rav Avigdor Miller ZT"L***. Help us print and distribute over ***40,000 booklets*** in over ***100 cities***, across the ***globe***. Reach ***thousands*** more who receive the booklets in their email inbox. Have the zechus of inspiring the over ***15,000 daily subscribers*** who start their day with a ***thought provoking Q&A***. **Spread the word.**

תורת אביגדור
TORAS AVIGDOR
AUTHENTIC TORAH THOUGHT FOR LIFE

> RabbiMillerCampaign.com

> 518-323-0376 979#